# איהר מאַן האָט נאָכגעיאָגט דעם אויטאָמאָביל

(ערצעהלונג לויט'ן פראַנצויזישען) —: פון נ. פּאָלאַר

דער טראַמוויי איז געבליבען שטעהן איינ'ן ראַנד, וואו ער האָט געוואַרט אין האָט איהם אַנגעשלונגען דורך דער אָפענער טיר.

עס איז געווען אַרום דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג. און אָט דער צייט פון טאָג זיצט ער געוועהנליך אין ביוראָ איבער גרויסע שווערע בוכער און שרייבט ראַרט אַרט צופערן. יענעם נאָכמיטאָג האָט ער אָבער בעדאַרפט אַ וויכטיגע צוזאַמענקונפט — צוליב געשעפט, בעשריבט ייד.

ער האָט זיך פערמישט צווישען די אַנדערע פּאַסאַזשירען אין טראַמוויי. קיינער האָט זיך דאָרט אויף איהם נישט אויפגעקוקט. ער איז געווען אין אוים־זעהן אַ שטיל, עהרליך, מאָנאַטענליך מענשעל, ווי איהר טרעפט אַזוינע אומעטום. ער איז געזעסען און דער גלייכער שטיל, וואָס האָט זיך געגליטשט איבער די רעלסען, פּונקט אַזוי אַנשטענדיג, רוהיג און געדרענגט, ווי די אַנדערע מענשען אַרום איהם. פון זיין פּנים, שטילען געזיכט האָט קיינער נישט געקאָנט דערגעהן, אַז עפּיס־עפּיס דעם מענשען וועה, אַז ער עסט זיך נאָכאַנאַנד אויף אַ לעבעדיגער.

ער האָט געוואוסט, אַז זיין פרוי נאַרט איהם אַ שעהנע פּאָר יאָהר מיט אַן אַנדערן. ער האָט זי אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט „כאַפּען“... זיי האָבען זיך גוט ליב געהאַט און געוואוינט זיך קיינמאָל נישט

[illegible]

כאַפּט אַ דעם רוקען און נאָכגעקוקט דעם אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגען.

[illegible]

עס האָט איהם גענומען שווינדלען פאַר די אויגען, דאָס בלוט איז איהם אַרויף אין קאָפּ. דער מאַן אין אויטאָמאָביל האָט געהאַלטען די פרוי אַרומגענומען. איהר געזיכט איז איצט געווען אויפגערעגט, און ער האָט קלאָר געזעהען: די יונגע פרוי אין אויטאָמאָביל איז געווען — זיין פרוי.

(ענדע ווינטאָג)

שאָקאָלאַד לוטאָס
„KAIR“
מיט אָריענטאַלישע פרוכטען
אַ טאַבליטשקע 75 גר.

# א בינטעל פאַקטען

(ענדע פון זייט 7)

[illegible]

# די איבערלעבענישען פון אַ לאָדזער דעטעקטיוו

געשריבען ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזער טאָגעבלאַט“

פון בערנאַרד הילער

געשיכטע נומער 4

## דאָס געהיימניש פון דער ווילע „ראָזאַליאַ“

(6־טע פאָרטזעצונג)

[illegible]

(סוף פון דער געשיכטע נומער 4)

ש. האָכבערג

# פון דער סדרה

פערל פון אַלטען אוצר

געזאַמעלט פון

פ. ז. גליקסמאַן

**כי תשא את ראש בני ישראל** אומעטום ביים אויפנעהמען די צאָהל יודען, שטעהט דאָס לשון „כשיאת ראש“, ווייל דאָס צעהלען מיט זיי דערהייבען איבער אַנדערע אומות, מאַכט זיי חשוב, ווארום אַ זאַך, וואָס האָט נישט קיין חליבות, אַ שטייגער שטרוי, צעהלט מען נישט. (כלי יקר.)

• • •

**ונתנו איש כופר נפשו** דאָס וואָרט „ונתנו“ (זיי זאָלען געבען), ווען מען לייענט צוריק, מאַכט עס אויך „ונתנו“. דאָס קומט דערויף צו ווייזען, אַז אַלץ, וואָס אַ מענש גיט צדקה, ווערט איהם צוריקגעגעבען און ס'פעהלט איהם דערפון גאָרנישט. (בעל הטורים)

• • •

**זה יתנו כל העובר על הפקודים מחצית השקל.** הראה לו כמין מטבע של אש ואמר לו כזה יתנו. (רש"י) דער „חידושי הר"רים“ האָט אַמאָל, זייענדיג אין דייטשלאַנד, בעזוכט אַ שוהל. האָט ער געהערט, ווי דער פרעדיגער זאָגט אין דער דרשה: „פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געוויזען דוקא אַ „מטבע של אש“, אַ מטבע פון פייער, פאַרוואָס נישט אַ מטבע פון מעטאַל? איז דער תירוץ, אַז מען מוז דער עיקר געבען די מטבע מיט פייער, מיט התלהבות“. דאָס דאָזיגע וואָרט האָט דעם „חידושי הר"ים“ שטאַרק געפעהלט, און אַהיימקומענדיג האָט ער עס נאָכגעזאָגט דעם רבי זיינעם, אדמו"ר ר' מענדיל פון קאָצק, און האָט איהם געפרעגט: ווי קומט עפּעס אַזאַ שעהן וואָרט אינ'ם מויל פון פרעדיגער? — „דאָס איז דערפאַר“, האָט דער קאָצקער רבי געענטפערט, „ווייל אין יענעם מקום זענען די יודען אויסגעצייכענט מיט דער מצוה הכנסת אורחים“. (שיח שרפי קודש)

• • •

**העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט.** דער, וואָס איז באמת אַנ'עושר, סיי ער איז רייך אין תורה און וויסענשאַפט, סיי ער איז רייך אין געלד, זאָל ער זיך נישט שטעלן האַלטען. אין דעם „דל“, ד. ה. די עניוות, זאָל ער, דער עושר, נישט מינערן אין זיין האַרץ, נור וואָס אַמאָל זאָל ער ווערע. מעהר עניו. די שעהנסטע מדה פון אַלע מדות טובות, זאָגען נעמליך די חז"ל (עבודה זכה כ'), איז די מדה ענוה (דעמיטיגקייט) און די העסליכסטע מדה איז די מדה גאוה. (באר מים חיים)

• • •

**לך רד כי שחת עמך – זכות לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך- וינחם ה' על הרעה**

משה האָט געהאַט אַלע גוטע מדות פון אַ ריכטיגען פאָלקס־מנהיג. ביי איהם איז קיין שלעכטער יוד נישט געווען, אַזוי האָט ער געזאָגט: רבונו של עולם! דו זאָגסט, אַז די יודען זענען שריפה, געדענק, אַז אברהם האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר דיר, פערברענט צו ווערען אויף קידוש השם אין אור כשדים. דו זאָגסט, אַז די יודען זענען מחויב שחיטה געדענק, אַז יצחק האָט אַליין אויסגעשטרעקט זיין האַלז, געקוילאַט צו ווערען אויף קידוש השם. אויב דו זאָגסט, אַז יודען זענען מחויב גלות, געדענק, אַז יעקב איז געווען אין גלות אין חרן. דו זאָגסט, אַז די יודען האָבען מבטל געווען דעם אָנהויב פון די עשרת הדברות, פאַרוואָס ווילסטו מבטל זיין דעם סוף: „ועושה חסד לאלפים“. און ביז איצט זענען ערשט פון אברהם'ן 7 דורות. דערפאַר האָט ער אַלע שלעכטע מחשבות וועגען יודען מבטל געווען. (מדרש תנחומא)

• • •

**ראה קראתי בשם בצלאל** פאַרוואָס שטעהט עפּעס „ראה“? די כונה איז: זעה דאָס גרויסע וואונדער, אַז אין מצרים, וואו אַלע יודען זענען געווען בעשעפטיגט מיט שוואַרצע אַרבייט, בחומר ובלבנים, אָבער גאָלד, זילבער און בריליאַנטען האָבען זיי פאַר די אויגען נישט געזעהן, געפינט זיך דאָך אַזאַ מענש, ווי בצלאל, וואָס קאָן אויספיהרען די קינסטביכסטע און טייערסטע גאָלד־אַרבייט. נישט אַנדערש, אַלזאָ, נאָר איך האָב איהם געגעבען די פעהיגקייט, כדי אויסצופיהרען די מלאכה פון משכן. (רא"בן)

* * *

**איש את אחיו ואיש את קרובו.** פאַרוואָס שטעהט „את קרובו“, ווען ס'שטעהט שוין „את אחיו“, איז דען פאַרהאַן אַ נעהנטערער קרוב ווי אַ ברו־

(ענדע—זייט 11)

